בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינּוּךְ

אִידִישׁ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון קל"ג

פרשת וישלח שנת תשפ"ו

מוסדות היכל הקודש ברסלב


## שְׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם

## שִׁיעוּרִים אִין חִינּוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנ'ס הִילְף בְּרֶענְגֶען מִיר אַייךְ אַ שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן.**

### דִי מְלַמְּדִים שְׁטֶעלְן אַהֶער גְרוֹיסֶע זְכוּתִים פַאְרן יוֹם הַדִין

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי זְכִיָּה צוּ זַיין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת.

מִיר קוּמֶען שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיר גֵייעֶן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן (בַּיי סְלִיחוֹת): **"עֲשֵׂה לְמַעַן תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן"**, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער פַארְשְׁרַייבּ אוּנְז אַ גוּט יָאר - בִּזְכוּת דִי טֵייעֶרֶע קִינְדֶערְלֶעךְ וָואס זִיצְן בַּיי זֵייעֶר רֶבִּי; זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דִי מְלַמְּדִים וָואס זִיצְן מִיט דִי קִינְדֶער טָאג נָאךְ טָאג מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, זֵיי לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן זָאגְן תְּהִלִּים מִיט דִי קִינְדֶער - שְׁטֶעלְן אַהֶער גְרוֹיסֶע זְכוּתִים פַאְרן יוֹם הַדִין.

### דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז תָּלוּי אִין דִי אֵייגֶענֶע מֹחַ

אִיךְ וִויל מְחַזֵק זַיין דִי טֵייעֶרֶע מְלַמְּדִים, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז וָואס מֶען זָאגְט פַאר קִינְדֶער מִיט רִיכְטִיגֶע רֵייד, מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - גֵייעֶן זֵיי פָּאלְגְן. מֶען דַארְף נִישְׁט נִיצְן קַיין הֶענְט, מֶען דַארְף נִישְׁט נִיצְן דֶעם קוֹל אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט נִיצְן אַ שְׁטֶעקְן; דִי דִיבּוּרִים אַלֵיינְס פּוֹעֵל'ן בַּיי דִי קִינְדֶער.

דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז נִישְׁט תָּלוּי אִין זַיין שְׁטֶעקְן, אִין זַיין קוֹל, אָדֶער אִין זַיין טַאלַאנְט אַז עֶר קֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דִי קִינְדֶער דְרַאמַאטִישֶׁע מַעֲשִׂיוֹת. דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד אִיז תָּלוּי אִין זַיין אֵייגֶענֶע מֹחַ; אַ מְלַמֵּד דַארְף וִויסְן בַּיי זִיךְ אִין מֹחַ מִיט אַ זִיכֶערְקֵייט אַז דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אִים פָּאלְגְן, אוּן אַז עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן עֶר קֶען אַרַיינְלֵייגְן אִין דִי קִינְדֶער יִרְאַת שָׁמַיִם.

### מֶען דַארְף נִישְׁט נִיצְן קַיין פַּאסִיק

מִיר זֶענֶען אֵיינִיקְלֶעךְ פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל פוּן קַארְלְסְבּוּרְג, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי יְחֶזְקֵאל פַּאנֶעט זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מַיין זֵיידֶע רֶבִּי יְחֶזְקֵאל רוֹטְה זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעהֵייסְן נָאךְ אִים. אַלְס בָּחוּר הָאט מִיר מַיין זֵיידֶע גֶענוּמֶען קַיין קַארְלְסְבּוּרְג (אִין זִיבְּנְבֶּערְגְן, רוּמֶענְיֶע), מִיר זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם בֵּית הַמֶדְרָשׁ, אוּן מִיר הָאבְּן גֶעזֶען דֶעם זַייטִיגְן צִימֶער וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער בֵּית דִין שְׁטִיבְּל פוּנֶעם הֵיילִיגְן מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל, אוֹיפְן שְׁוֶועל שְׁטֵייט אוֹיפְגֶעקְרִיצְט דִי וֶוערְטֶער: **"בְּצֶדֶק תִּשְׁפֹּט אֶת עֲמִיתֶךָ"**. אוּן עֶס הָאט גֶעהָאנְגֶען אוֹיפְן וַואנְט אַ גְרוֹיסֶער פַּאסִיק.

אִיז דָא אַ בְּרִיוו וָואס דֶער הֵיילִיגֶער מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל שְׁרַייבְּט (שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת מַרְאֶה יְחֶזְקֵאל, סִימָן עט, בִּתְשׁוּבָה לְהָרַב הַקָּדוֹשׁ בַּעַל בְּנֵי יִשָּׂשְׂכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ): **"וַהֲגַם שֶׁיֵּשׁ בְּיָדִי - תְּהִלָּה לָאֵ-ל יִתְבָּרַךְ - תּוֹקֶף וָעֹז מִמָּקוֹם גָּבוֹהַּ, עִם כָּל זֶה אֵינִי מִשְׁתַּמֵּשׁ בּוֹ רַק לְעִתִּים רְחוֹקִים וְצֹרֶךְ גָּדוֹל"** וְכוּ', אֲפִילוּ אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶענוּמֶען דוּרְךְ דִי רֶעגִירוּנְג אַלְס הוֹיפְּט רָב פוּן גַאנְץ זִיבְּנְבֶּערְגְן, אוּן זֵיי הָאבְּן מִיר גֶעגֶעבְּן דֶער כֹּחַ צוּ קֶענֶען שְׁלָאגְן אוּן צוּ אַיינְשְׁפַּארְן אִין תְּפִיסָה וֶוער עֶס פָּאלְגְט נִישְׁט דֶעם פְּסַק דִין, פוּן דֶעסְט וֶועגְן נִיץ אִיךְ עֶס נָאר זֵייעֶר זֵייעֶר זֶעלְטְן, וַוייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען זֵייעֶר ווּאוֹיל, מֶען דַארְף זֵיי נָאר זָאגְן וָואס צוּ טוּן אוּן זֵיי פָּאלְגְן.

### אִיבֶּערְזָאגְן פַאר קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל

עֶס קֶען אַמָאל זַיין אַז קִינְדֶער מַאכְן זִיךְ ווִי זֵיי הֶערְן נִישְׁט, וַוייל זֵיי ווִילְן אוֹיסְפְּרוּאוְון דֶעם מְלַמֵּד צוּ זֶען וָואס דֶער מְלַמֵּד גֵייט טוּן וֶוען מֶען פָּאלְגְט אִים נִישְׁט, אוֹיבּ עֶר גֵייט זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן אָדֶער נִישְׁט, אָבֶּער אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד בְּלַייבְּט שְׁטַארְק, עֶר הָאט סַבְלָנוּת אוּן עֶר זָאגְט עֶס נָאכְאַמָאל אִיבֶּער, גֵייעֶן דִי קִינְדֶער צוּם סוֹף זִיכֶער פָּאלְגְן.

מֶען דַארְף זָאגְן פַאר דִי קִינְדֶער נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, מִיט סַבְלָנוּת: **"וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט קֶען מֶען נִישְׁט רֶעדְן"**, **"וֶוען אַ רֶבִּי רֶעדְט קֶען מֶען זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֶעלְן"**, **"מֶען טָאר נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען אַ צְוֵוייטְן"**, **"מֶען דַארְף אַרַיינְקוּקְן אִין דֶעם סִידוּר בְּשְׁעַת מֶען דַאוֶוענְט"**, אוּן **"מֶען דַארְף דַאוֶוענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ לֶעבֶּעדִיגְקֵייט"**.

גֶעלוֹיבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אוּנְזֶערֶע מְלַמְּדִים וֵוייסְן פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן, מֶען דַארְף פָּשׁוּט אִיבֶּערְזָאגְן יֶעדֶע זַאךְ עֶטְלִיכֶע מָאל בִּיז דִי קִינְדֶער פָּאלְגְן.

אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אַהֵיימְצוּפִירְן דִי קִינְדֶער נָאךְ חֵדֶר, הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, אֵיין טָאג הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר דִי קִינְדֶער: **"מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ פָאְרן בִּיז יֶעדֶער וֶועט זַיין צוּגֶעבִּינְדְן מִיטְן גַארְטְל"**, אוּן אֵיין אִינְגְל הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּבִּינְדְן, הָאט אִים דֶער מְלַמֵּד גֶעזָאגְט: **"בִּינְד שֵׁיין צוּ דַיין גַארְטְל"**, אוּן עֶר הָאט וַוייטֶער נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, הָאט עֶר עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, בִּיז 'אַכְצְן מָאל', בַּיי דִי אַכְצְנְטֶע מָאל הָאט עֶר זִיךְ צוּגֶעבִּינְדְן.

אַ צְוֵוייטֶער מְלַמֵּד הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט, עֶר הָאט עֶפֶּעס גֶעהֵייסְן פַאר אַ קִינְד צוּ טוּן, אוּן דֶער קִינְד הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט, הָאט עֶר עֶס אִיבֶּערְגֶעזָאגְט גְזָמָאוֹת מָאל, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל אוּן

נאָכאַמאָל, בּיז דער קינד האָט געפאָלגט.

אַז מען גלייבּט אין זיך אַליינס אַז 'די קינדער גייען מיר פאָלגן', און מען זאָגט פאַר די קינדער מיט סַבְלָנוּת און מיט ליבּשאַפט: **"דאָס קען מען נישט טון", "טו אַזוי", "מאַך אַזוי"** - גייען זיי בּיים סוף פאָלגן.

מיר קענען דאָך מאַכן אַ קַל וָחוֹמֶר פון אונז; וויפיל שִׁיעוּרִים האָבּן מיר געדאַרפט הערן פון מוֹהֲרַא"ש אַז מיר זאָלן לערנען יעדן טאָג חוּמָש און זאָגן מִשְׁנָיוֹת וְכוּ', און וויפיל שִׁיעוּרִים דאַרפן מיר נאָך היינט הערן נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אַז מיר זאָלן יעדן טאָג גיין אין מִקְוֶה און דאַווענען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב מיט מִנְיָן? און נאָכאַלץ קען מען נישט האָבּן קיין טַעֲנוֹת אויף אַ אינגערמאַן אויבּ ער פאַרפאַסט אַמאָל צו גיין אין מִקְוֶה, ווייל אַ מענטש וויל דאָך נישט זיין שלעכטס, נאָר ער דאַרף נאָכאַמאָל הערן חִיזוּק אויף דעם. אינגעלייט זאָגן מיר יעדע וואָך: **"מיר וואַרטן אַזוי שטאַרק אַרויס אויף דעם שִׁיעוּר לֵיל שִׁשִּׁי, מיר ווילן דער רֹאשׁ יְשִׁיבָה זאָל אונז נאָכאַמאָל דערמאַנען אַז דאַווענען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב איז אַ יְסוֹד אין אידישקייט"**, אויבּ אַזוי 'וְאֵלֶּה הַצֹּאן מַה חָטְאוּ', פאַרוואָס ווערט מען אַזוי אויסער זיך ווען מען דאַרף איבּערזאָגן פאַר די קליינע קינדערלעך, די קליינע שעפעלעך, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל?!

פאַר עטץ גייטס אַריין אין כִּתָּה, זאָלט עטץ בּעטן דעם אייבּערשטן די תְּפִלָּה וואָס דער שְׁלִיחַ צִיבּוּר בּעט אין די הייליגע טעג (תְּפִלַּת מוּסָף): **"הייליגער בּאַשעפער העלף 'שֶׁלֹּא יִכָּשְׁלוּ בִלְשׁוֹנָם וְלֹא יִנָּקְשׁוּ בִשְׁנוּנָם וְלֹא יֵבוֹשׁוּ בְּמִשְׁעָנָם וְלֹא יִכָּלְמוּ בָם שְׁאוֹנָם', העלף מיר איך זאָל נישט נִכְשָׁל ווערן בִּדְבַר הֲלָכָה, און די קינדער זאָלן מיך נישט אַרויסנעמען פון די גלייזן, איך זאָל האָבּן די ריכטיגע סַבְלָנוּת זיי צו איבּערזאָגן אַ זאַך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל"**.

## שְׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם, הער אויס וואָס דאָס קינד האָט צו זאָגן

נאָך אַ וויכטיגע זאַך וויל איך עֶנק בּעטן טייערע מְלַמְּדִים, פאַר מען וויל נעמען אַ שְׁרִיט צו שטראָפן אָדער פאַרשעמען אַ קינד, דאַרף מען פאַרדעם זיך אַראָפּלאָזן צום קינד, און אים אויספרעגן פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון.

עס איז דאָ אַ מִצְוַת עֲשֵׂה אין די תּוֹרָה פון (דְּבָרִים א, טז): **"שָׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם"**, עס ליגט אַ חוֹב פאַרן בֵּית דִּין צו הערן די טַעֲנוֹת בּיי אַ דִּין תּוֹרָה, נאָר ווען זיי ווערן געזאָגט צווישן בּיידע בַּעֲלֵי דִּינִים, אָבּער מען טאָר נישט הערן די רייד פון איין בַּעַל דִּין ווען דער אַנדערער בַּעַל דִּין איז נישט דאָ, ווייל דעמאָלט קען זיין אַז מען גייט ווערן איבּערגענומען פון איין בַּעַל דִּין בִּשְׁעַת דער אַנדערער איז אֶפְשָׁר גערעכט; איז דאָך זִיכער אַז אַ מְלַמֵּד טאָר נישט ווערן איבּערגענומען פון אַ געשעעניש און שטראָפן מיט אַן איילעניש איידער מען הערט אויס דעם קינד'ס טַעֲנָה. עס קען זיך אַרויסשטעלן נאָכן אויספרעגן אַ קינד, אַז די מַעֲשֶׂה איז געווען אינגאַנצן אַנדערש, דער קינד האָט בִּכְלָל נישט געוואָלט טון דעם עַוְלָה.

## אֶפְשָׁר איז ער אַליינס גאָר דער שולדיגער

אַז מען האָט אַ קינד אין חֵדֶר [און די זעלבּע זאַך איז מיט אַ קינד אינדערהיים] וואָס הערט נישט אויף צו שלאָגן אַנדערע קינדער, יעדער כאַפּט פון אים מַכּוֹת, אָדער מען האָט אים שוין געכאַפּט עטליכע מאָל אַז ער האָט גע'גנב'עט, און איינער קומט אויסזאָגן אַז ער האָט געשלאָגן אָדער גע'גנב'עט, טאָר מען נישט פאַרגעסן פון די מִצְוָה פון 'שָׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם'; מען קען נישט גלייך אָננעמען מיט אַ זיכערקייט אַז דער קינד האָט יעצט נאָכאַמאָל געשלאָגן אָדער גע'גנב'עט, ווייל ער איז דאָך אייבּיג אַ שלעגער און אַ גַּנָּב... מען דאַרף אויסהערן די מַעֲשֶׂה און גוט קוקן אויבּ דער קינד איז טאַקע שולדיג.

עס קען אַמאָל זיין, אַז דער קינד וואָס קומט אויסזאָגן: **"יענער האָט מיך געשלאָגן"**, אַז ער אַליינס איז גאָר דער שולדיגער! ווייל ער ווייסט ווי אַזוי מען קען יענעמס שטיפערהייט אויפרעגן מיט קליינינקייטן וואָס מאַכט יענעמס נערוועז, אַזוי דרייט ער אָן קליינע שרויפן איינע נאָך די אַנדערע, בּיז יענער פאַלט אַריין אין אַ כַּעַס און ער נעמט זיך טאַקע שלאָגן, אָבּער שולדיג איז דער קינד וואָס האָט אים אָנגעצינדן, ער וואָלט דאָך געדאַרפט זיין מער פאַרזיכטיג נישט צו טון קיין זאַכן וואָס קען יענעם אויפרעגן.

## מוז דען זיין אַז דער קינד איז אַן אונטערוועלטניק?!

איינע פון די מַגִּידֵי שִׁיעוּר פון יְשִׁיבָה דערציילט מיר, ער האָט געשמועסט מיט די בַּחוּרִים, אינמיטן איז אַרויפגעקומען צו רעדן פון זִכְרוֹנוֹת וואָס מען האָט פון אַלס קינד, רופט זיך אַ בָּחוּר אָן: **"איין מְלַמֵּד קען איך נישט מוֹחֵל זיין, ווייל ווען דער מְלַמֵּד האָט אונז אויסגעלערנט צו דאַווענען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, האָט ער אונז אויסגעלערנט די הֲלָכוֹת וואו מען דאַרף זיך בּוקן, און איך האָבּ נישט אויפגעכאַפּט אַז מען בּוקט זיך נאָר בּיים סוף פון די ערשטע בְּרָכָה, מיין מֹחַ האָט אויפגעכאַפּט אַז מען בּוקט זיך בּיי יעדע סוף בְּרָכָה, מיט פריידע האָבּ איך גענומען דעם סִידוּר און אָנגעפאַנגען שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, און איך האָבּ זיך געבּוקט בּיים סוף פון יעדע בְּרָכָה, די קינדער אַרום מיר האָבּן אָנגעפאַנגען צו לאַכן, און איך האָבּ נישט געכאַפּט אַז מען לאַכט פון מיר, ווייל איך האָבּ נישט אַרויסגעקוקט פון סִידוּר אינמיטן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, און דער מְלַמֵּד האָט געזען ווי די גאַנצע כִּתָּה קוקט אויף מיר און מען לאַכט, איז ער צוגעקומען צו מיר און ער האָט מיר געגעבּן מַכּוֹת רֶצַח, איך האָבּ אֲפִילוּ נישט געוואוסט פאַרוואָס ער שלאָגט מיר, ערשט אַ טאָג שפּעטער בּין איך געוואויר געוואָרן אַז איך האָבּ נישט גוט אויפגעפאַסט וואו מען דאַרף זיך בּוקן"**.

איך בּין דן לְכַף זְכוּת דעם מְלַמֵּד, אַז ער האָט געמיינט אַז דער אינגל וויל דאָ מאַכן אַ געלעכטער פונעם דאַווענען, די גאַנצע כִּתָּה זאָל לאַכן פון אים אינמיטן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, און עס איז אים נישט בּייגעפאַלן אַז דער קינד האָט פּשוּט נישט אויפגעכאַפּט אַז מען דאַרף זיך בּוקן נאָר בּיי די ערשטע בְּרָכָה, נישט בּיי יעדע בְּרָכָה, אָבּער פאַרדעם געבּט מען מַכּוֹת רֶצַח?! עס איז דאָך דאָ די מִצְוַת עֲשֵׂה פון **"שָׁמֹעַ בֵּין אֲחֵיכֶם"**! הער אויס דעם קינד, פרעג דעם קינד פאַרוואָס ער האָט דאָס געטון, לאָז דיך אַראָפּ צום קינד'ס מֹחַ, אֶפְשָׁר ווייסט ער בִּכְלָל נישט אַז ער טוט נישט גוט און מען לאַכט פון אים. מוז דען זיין אַז דער קינד וויל דאָ אָפּטון? מוז דען זיין אַז דער קינד איז שלעכט? מוז דען זיין אַז דער קינד איז אַן אונטערוועלטניק?!

אֲפִילוּ אויבּ מיר זאָלן זאָגן אַז דער קינד האָט יאָ געוואָלט מאַכן לעבּעדיג אינמיטן דאַווענען, ווער זאָגט אַז ער האָט געמיינט דערמיט שלעכטס, אֶפְשָׁר האָט ער געוואָלט פריילעך מאַכן די כִּתָּה ווייל ער האָט געהערט פון זיין טאַטע אָדער פון זיינע פריערדיגע מְלַמְּדִים אַז דער הייליגער רֶבִּי זאָגט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חלק ב', סימן כד) עס איז אַ מִצְוָה זיך פריילעך צו מאַכן אֲפִילוּ דורך נאַרישע ווערטלעך, און דער קינד כאַפּט נאָכנישט אַז יעצט איז נישט די ריכטיגע צייט וואָס איז געאייגנט פאַר דעם, בּיים דאַווענען דאַרף מען זיין ערנסט.

## אַפאַר נְקוּדוֹת וואָס בּרענגט הַצְלָחָה

טייערע מְלַמְּדִים, איך וויל עֶנק בּעטן

עֶטְלִיכֶע וִויכְטִיגֶע נְקוּדוֹת וָואס אִין דֶעם אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען דִי הַצְלָחָה פוּן אַ מְלַמֵּד, אוּן אִיךְ בֶּעט עֶנְק מֶען זָאל גוּט גֶעדֶענְקֶען דִי פָּאר נְקוּדוֹת.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ: **אַ מְלַמֵּד דַארְף זִיךְ גוּט אוֹיסְשְׁלָאפְן בַּייַנאכְט צוּ זַיין גוּט אוֹיסְגֶערוּט** פַאר דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמה, סְעִיף יז בִּרְמָ"א).

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ: אַ מְלַמֵּד דַארְף עֶסְן צוּ דִי זֶעט, אַ מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין הוּנְגֶערִיג, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם)

דִי דְרִיטֶע זַאךְ: אַ מְלַמֵּד דַארְף זֶען צוּ זַיין אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע. וִוי אַזוֹי קֶען מֶען וֶוערְן אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע? דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען גֵייט צוּפְרִי אַ שְׁפַּאצִיר מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, עֶס הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעכַאפְּט אִין מִיר אַ נִישְׁט גוּטֶע רוּחַ, אִיךְ בֶּעט דִיר נֶעם עֶס אַרוֹיס פוּן מִיר, הֶעלְף מִיךְ אִיךְ וִויל זַיין פְרֵיילִיךְ"**; דָאס אִיז דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ קֶען וֶוערְן אִין אַ גוּטֶע גִיסְטֶע; נִישְׁטָא קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה פַאר דֶעם.

דִי פֶערְטֶע זַאךְ: אַ מְלַמֵּד דַארְף קוּמֶען אִין חֵדֶר גוּט פָּארְגֶעקוּקְט, אוּן מִיט אַ קְלָארֶע פְּלַאן וָואס מֶען גֵייט טוּן מִיט דִי קִינְדֶער דֶעם טָאג.

## אָנְהֵייבְן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי גוּטֶע סְחוֹרָה פוּן דִי יָמִים טוֹבִים

עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע אַחְרָיוּת צוּ זַיין אַ מְלַמֵּד; אוֹיבּ מֶען קוּמְט נִישְׁט אִין חֵדֶר אָנְגֶעגְרֵייט, זָאגְט דֶער פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ מח, י): **"אָרוּר עֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה"**.

אָנְהוֹיבּ וָואךְ דַארְף מֶען שׁוֹין זַיין פָּארְגֶעקוּקְט דֶעם גַאנְצְן שִׁיעוּר וָואס מֶען גֵייט לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע וָואךְ. אוּן יֶעדְן טָאג בַּאזוּנְדֶער דַארְף מֶען קוּמֶען גְרֵייט מִיט אִיבֶּער גֶענוּג חוֹמֶר, מֶער וִויפִיל מֶען קֶען אָנְיָאגְן אִין אֵיין טָאג, כְּדֵי דֶער טָאג זָאל זַיין גוּט אָנְגֶעפִילְט.

עֶס קוּמֶען יֶעצְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, מִיר הָאבְּן נָאךְ צְוֵויי וָואכְן חֵדֶר בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן נָאךְ גֶעצֵיילְטֶע טֶעג צְוִוישְׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן סוּכּוֹת, קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דִי גוּטֶע סְחוֹרָה פוּן דִי שֵׁיינֶע עִנְיָנִים פוּן גַאנְץ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי; פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה, תְּקִיעַת שׁוֹפָר, תַּשְׁלִיךְ, עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה, זָכְרֵנוּ לְחַיִּים, הַמֶּלֶךְ, כַּפָּרוֹת, יוֹם הַקָּדוֹשׁ, סוּכּוֹת, הוֹשַׁעְנוֹת אוּן שִׂמְחַת תּוֹרָה. עֶס אִיז דָאךְ דָא אַזוֹיפִיל פוּן וָואס צוּ רֶעדְן. אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ דֶערְמַאנֶען נָאךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען קוּמְט אַהֵיים פוּן אוּמַאן, צוּ רֶעדְן פוּן דִי יָמִים טוֹבִים, וֶועט מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין צַייט צוּ רֶעדְן פוּן אַלֶעס.

## מוּסָר אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם נִישְׁט צוּ דוּרְכְשְׁטוּפְּן דֶעם טָאג

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיינְזֶעצְן אִין כִּתָּה וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אָנְגֶעגְרֵייט, מִיטְן פְּלַאן אַז מֶען וֶועט שׁוֹין דוּרְכְשְׁטוּפְּן דֶעם טָאג מִיט מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, מִיט מוּסָר אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, וַוייל דִי קִינְדֶער וֶועלְן גְלַייךְ שְׁפִּירְן 'דָא זִיצְט אַ מְלַמֵּד וָואס הָאט נִישְׁט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן'. מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִּיקִים, מוּסָר אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם זֶענֶען זֵייעֶר גוּט אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד הָאט וָואס צוּ פַארְקוֹיפְן אוּן עֶר לֵייגְט אַוֶועק אַבִּיסְל צַייט צוּ רֶעדְן פוּן דֶעם, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן - הָאט עֶס נִישְׁט קַיין חֲשִׁיבוּת בַּיי דִי קִינְדֶער.

## הַאלְטְן חָשׁוּב דֶער זַאךְ פוּן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה

מִיר הָאבְּן אַיינְגֶעפִירְט אִין אוּנְזֶער מוֹסָד אַז אַלֶע מְחַנְּכִים זָאלְן בַּאשְׁטִימֶען אַ צַייט וָואס מֶען זָאל דֶערְצֵיילְן 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה'; דֶער מְלַמֵּד אוּן דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט זֵיי, וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן בַּאקוּמֶען זֵייעֶר גֶעבֶּעט.

וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה, זָאל מֶען עֶס דֶערְצֵיילְן אוֹיף אַ וֶועג אַז דִי קִינְדֶער זָאלְן שְׁפִּירְן דָאס צַעַר פוּנֶעם פְּרָאבְּלֶעם אוּן דָאס פְרֵיילִיכְקֵייט נָאכְן וֶוערְן גֶעהָאלְפְן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל, דֶער מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְט: **"הַיינְט בִּין אִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּפְרִי אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעטְרָאפְן מַיינֶע שְׁלִיסְלֶעךְ, אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעזוּכְט אוּן גֶעזוּכְט אוּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן, אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן, אִינְמִיטְן הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז אִיךְ קֶען דָאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל טְרֶעפְן מַיינֶע שְׁלִיסְלֶעךְ', וִוי נָאר אִיךְ הָאבּ אַרוֹיסְגֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער, זֶע אִיךְ דִי שְׁלִיסְלֶעךְ פַארְשְׁטֶעקְט אִין אַ וִוינְקְל!"**

דֶער פְּרָאגְרַאם פוּן 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה' אִיז נִישְׁט אַ זַאךְ וָואס מֶען טוּט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער; דָאס אִיז אַ לִימוּד אַזוֹי וִוי אַלֶע לִימוּדִים, מֶען בַּאשְׁטִימְט פָארְאוֹיס אַז דִי פִינְף מִינוּט גֵייט מֶען דֶערְצֵיילְן צְוֵויי דְרֵיי מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה. מֶען קֶען נִישְׁט נֶעמֶען דֶער פְּרָאגְרַאם אוֹיף צוּ אָנְפִילְן דִי צַייט וֶוען מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אִין כִּתָּה, וַוייל דֶעמָאלְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער שְׁפִּירְן אַז מֶען טוּט עֶס נָאר כְּדֵי צוּ שְׁטוּפְּן דִי צַייט, אוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ וֶועט וֶוערְן וִוי אַ גֶעלֶעכְטֶער.

אַזוֹי אוֹיךְ אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז דֶער פְּרָאגְרַאם פוּן 'מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה' הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן בִּילִיג אוּן אוֹיסְגֶענִיצְט, דִי קִינְדֶער הֵייבְּן אָן צוּ דֶערְצֵיילְן נַארִישֶׁע זַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: **"אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶס זָאל זַיין שַׁבָּת"**, **"אִיךְ הָאבּ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער רֶבִּי זָאל הָאבְּן אַ מַעֲשֶׂה פוּן תְּפִלָּה"**, דַארְף מֶען גְלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן דִי גַאנְצֶע פְּרָאגְרַאם, אָדֶער זָאל נָאר דֶער מְלַמֵּד דֶערְצֵיילְן אֵייגֶענֶע מַעֲשִׂיוֹת, וַוייל מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט צוּ פַארְשֶׁעמֶען דֶער זַאךְ פוּן תְּפִלָּה, עֶס טָאר נִישְׁט וֶוערְן אִין כִּתָּה וִוי אַ חוֹזֶק אוּן אַ לֵיצָנוּת.

## אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אִיז גוּט פָּארְגֶעקוּקְט - זִיצְן דִי קִינְדֶער אַיין

טַייעֶרֶע מְלַמְּדִים, אִיךְ וִויל הָאבְּן מְלַמְּדִים יִרְאֵי הַשֵּׁם; מְלַמְּדִים וָואס טוּעֶן זֵייעֶר אַרְבֶּעט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אַ מְלַמֵּד הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: **"וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, נֶעם אִיךְ אַרוֹיס מַיין פַּייפֶערְל אוּן אִיךְ שְׁפִּיל מִיט דֶעם פַאר דִי קִינְדֶער"**, דָאס אִיז נִישְׁט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן, אוֹיף דֶעם זָאגְט דֶער פָּסוּק (יִרְמְיָהוּ מח, י): **"אָרוּר עֹשֶׂה מְלֶאכֶת ה' רְמִיָּה"!** וַוייל מֵילָא אֵיינֶער וָואס שְׁפִּילְט אַמָאל מִיט אַ פַּייפֶערְל וַוייל עֶר וִויל וַוייזְן פַאר דִי קִינְדֶער וִוי אַזוֹי מֶען זִינְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז אֵיין זַאךְ; וֶוען אִיךְ בִּין גֶעוֶועְן אַ מְלַמֵּד פְלֶעג אִיךְ אוֹיךְ אַמָאל שְׁפִּילְן מִיט אַ פַּייפֶערְל אוּן זִינְגֶען מִיט דִי קִינְדֶער: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**. אָבֶּער אוֹיבּ מֶען נִיצְט דָאס וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער, טוּט מֶען נִישְׁט דִי אַרְבֶּעט רִיכְטִיג.

אַ מְלַמֵּד וָואס דַארְף אַ גַאנְצְן טָאג שְׁרֵייעֶן אוֹיף דִי קִינְדֶער: **"זֶעץ זִיךְ אַרָאפּ! אַז דוּ פָאלְגְסְט נִישְׁט כַאפְּסְטוּ אַ פַּאטְשׁ!"** מֵיינְט אַז דֶער מְלַמֵּד אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם, וַוייל אוֹיבּ דֶער מְלַמֵּד אִיז גוּט פָּארְגֶעקוּקְט אוּן אָנְגֶעגְרֵייט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי קִינְדֶער אַ גַאנְצְן טָאג, זִיצְן דִי קִינְדֶער אַיין אוּן זֵיי הָאבְּן אִים לִיבּ אוֹיסְצוּהֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, עֶטְץ זָאלְטְס הָאבְּן הַצְלָחָה אוּן סִייַּעְתָּא דִשְׁמַיָּא, אָמֵן.

## וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אַ גֶעבוּרְטְסְטָאג פוּן אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צוּגַאנְג צוּ אַ גֶעבוּרְטְסְטָאג פוּן אַ קִינְד? בַּיי מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאט מֶען בִּכְלָל נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן אַזַא זַאךְ, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט קַיין שׁוּם עֵסֶק פוּן אַ גֶעבוּרְטְסְטָאג, ווִידֶער בַּיי מַיין ווַייבְ'ס מִשְׁפָּחָה אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, מֶען הָאט גֶעמַאכְט גָאר גְרוֹיסֶע אוּן עֶרְנְסְטֶע זַאכְן בַּיי אַ גֶעבוּרְטְסְטָאג.

מִיר פְרֶעגְן זִיךְ אַלֵיין יֶעדֶעס מָאל פוּן פְרִישׁ, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען דִי קִינְדֶער הוֹיבְן שׁוֹין אָן מֶער אוּנְטֶערְצוּוַואקְסְן, וָואס אִיז טַאקֶע דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג בַּיי דֶעם, דַארְף מֶען מַאכְן אַ מַצָּב פוּן אַ גֶעבוּרְטְסְטָאג אָדֶער נִישְׁט?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בַּיי אוּנְז מַאכְט מֶען נִישְׁט קַיין עֵסֶק פוּן דִי גֶעבוּרְטְסְטָאג, נָאר וֶוען מֶען אִיז עֶלְטֶער, מֶען אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ – נִיצְט מֶען אוֹיס דֶעם טָאג פַאר אַ טָאג פוּן תְּשׁוּבָה, מֶען בַּארֶעכְנְט זִיךְ 'וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס טוּ אִיךְ אוּן וָואס קֶען אִיךְ מַאכְן נָאךְ בֶּעסֶער?' דָאס אִיז בַּיי אוּנְז אַ יוֹם הוּלֶּדֶת.

בַּיי דִי קִינְדֶערְ'ס גֶעבוּרְטְסְטָאג פִּירְט מֶען זִיךְ אַז דִי עֶלְטֶערְן וואוּנְטְשְׁן אָן דֶעם קִינְד עֶר זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן עֶרְלִיךְ, אוּן מֶען הֶעלְפְט דֶעם קִינְד טְרַאכְטְן עֶפֶּעס אַ גוּטֶע קַבָּלָה זִיךְ צוּ אוּנְטֶערְנֶעמֶען.

עֶס אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז דֶער עֶנְטְפֶער אִיז נָאר אַז בֵּיידֶע, סַיי דֶער מַאן אוּן סַיי דִי ווַייבּ – ווִילְן הֶערְן וָואס דָא שְׁטֵייט, אָבֶער אַז דִי ווַייבּ ווִיל יָא מַאכְן אַ סְעוּדָה אוּן זִי וואַרְט אוֹיף אַ מַתָּנָה, דָאס אִיז בַּיי אִיר מַמָּשׁ אַ שְׁטִיק לֶעבְּן וְכוּ' – דֶעמָאלְט קֶען מֶען מַאכְן אִין שְׁטוּב פְּרִיוַואט אַ סְעוּדָה אוּן גֶעבְּן אַ מַתָּנָה.

הָעִקָּר זָאל זַיין שָׁלוֹם מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך תשפ"ד)

## ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַרוֹיס דִי פַּחַד פוּן אַן עֶלְעֶוועיטָאר פוּן אַ קִינְד?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אֵיינְמָאל גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אִין אַן עֶלְעֶוועיטָאר מִיט מַיין פִינְף יֶערִיגֶע טָאכְטֶערְל, אוּן זַייט דֶעמָאלְט אִיז זִי גֶעבְּלִיבְּן מִיט אַ פַּחַד פוּן אַן עֶלְעֶוועיטָאר אוּן זִי ווִיל נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין אַן עֶלְעֶוועיטָאר; ווִי אַזוֹי קֶען מֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אִיר דִי פַּחַד?

יְיִשַׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעוֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי גְרִינְגְסְטֶע וֶועג אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען אַזֶעלְכֶע פְּחָדִים אִיז דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, פָּשׁוּט'ע ווֶערְטֶער; רֶעד מִיט דַיינֶע קִינְדֶער: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, עֶר אִיז אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר טוּט אַלֶעס, עֶס קֶען נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס פַארְן מֶענְטְשׁ נָאר אוֹיבּ מֶען זָאגְט אַזוֹי אִין הִימְל, מֶען קֶען נִישְׁט כַאפְּן אַ קְלַאפּ אִין פִינְגֶער נָאר אַז מֶען הָאט אַזוֹי אוֹיסְגֶערוּפְן אִין הִימְל", אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (חולין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְּמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְּמַעְלָה"; דָאס נֶעמְט אַוֶועק אַלֶע פְּחָדִים, מֶען לֶעבְּט רוּאִיג אוּן זִיכֶער.

קְלוּגֶע עֶלְטֶערְן וַוארְטְן נִישְׁט אוֹיף אַ בְּרָאךְ אוּן נָאכְן בְּרָאךְ הוֹיבְּט מֶען אָן רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, נָאר וֶוען מֶען קֶען נָאר – רֶעדְט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער פוּן אֱמוּנָה. וֶוען עֶס אִיז דָא אַ שְׁמוּעֶס דְרֵייט מֶען אַרַיין מִיט חָכְמָה – אֱמוּנָה; אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעס, נָאר עֶר טוּט אַלֶעס, עֶר מַאכְט אַלֶעס, עֶר אִיז אִיבֶּעראַל; אַזוֹי, אוֹיבּ עֶפֶּעס פַּאסִירְט – אִיז מֶען שׁוֹין אָנְגֶעגְרֵייט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

(קונטרס עצתו אמונה פרשת בהעלותך תשפ"ד)


**חִינוּךְ אַפְּטֵיילוּנְג**

אוֹיף קוֹל בְּרֶסְלֶב

צו הערן אלע שיעורים אויף חינוך

פון דער ראש ישיבה שליט"א

**אויף קול ברסלב**

דרוקט: 1-2-4-2

- שמעו ותחי נפשכם -



צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: chinuchgilyon@gmail.com



קוֹל בְּרֶסְלֶב

קול ברסלב – שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך

212-444-9191 / 845-351-0910

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון אמונה (פרויען) – שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876